# THE SHEPHERD OF ISRAEL

MARCH 1933 JOSEPH HOFFMAN COHN, Editor of English Department VOL. XV, No. 6

## TWO MESSIAHS?

By Rev. Daniel Finestone.

The hope of the coming of the Messiah is still cherished in many Jewish hearts today, even though the first promise of His coming was given nearly 6000 years ago (see Genesis 3:15).

The Hebrew prophets who foretell Messiah's coming, seem to describe two Messiahs rather than only one. For example, the prophet Isaiah speaks of Him as the "Servant of Jehovah" who suffers death at the hands of His enemies, for he writes:—

> "He is led as a lamb to the slaughter and as a sheep before her shearers is dumb so he openeth not his mouth". (Isaiah 53-7).

On the other hand David portrays Him as the everlasting King of Israel, subduing His enemies and reigning over all the earth, for he writes:—

> "He shall have dominion from sea to sea, and from the River unto the ends of the earth....Yea, all kings shall fall down before Him, all nations shall serve Him". (Psalm **72**:8, 11).

So the question arises, how can the Messiah be both a "Lamb led to the slaughter" and also the "King of Kings"? How can He suffer death and at the same time reign forever?

In ancient times the rabbis tried to overcome this apparent contradiction, by suggesting that two Messiahs would come and not just one as was generally believed. The first Messiah they gave the name "Ben Joseph", for He was to be the suffering Servant of Jehovah, "led as a lamb to the slaughter" of whom Isaiah speaks. The other Messiah they called "Ben David", for He was to be seated upon the throne of His father David, reigning in everlasting splendor as the psalmist foretells. But the prophets do not speak of two different persons but of the two different offices of the one person, for the Messiah must fulfill the double role of Messiah-Priest and Messiah-King. How does He accomplish this?

### The Messiah Comes Twice

Since not two Messiahs can come but only one, the Messiah, to fulfill these two roles, must come twice. Thus He comes the first time as the Messiah-Priest, the Servant of Jehovah, and suffers death as the sacrifice for the sins of the world fulfilling Isaiah's prophecy. He comes the second time as the Messiah-King to set up His universal kingdom, fulfilling David's prophecy. The bridge which connects His two comings is the bridge of resurrection. Thus the Messiah-Priest dies, rises from the dead and one day, as the Messiah-King returns to rule. David pointed to the resurrection of the Messiah from the dead when he said:—

> "Thou wilt not leave my soul in Hades, neither wilt Thou suffer thine Holy One to see corruption" (Psalm **16**:**10**).

When the Jewish nation was groaning under the iron heel of the Romans, they naturally looked forward to the day when their Messiah-King would come and deliver them. They therefore almost lost sight of the other prophecies which portray the Messiah-Priest as the suffering Servant of Jehovah, who by the sacrifice of Himself to God first makes the great atonement for the sins of the whole world. Men are prone to think lightly of sin and therefore they forget that Messiah must make atonement before He can rule. Because of this, when the Lord Jesus Christ came about 1900 years ago, although John the Baptist pointed Him out saying "Behold the Lamb of God which taketh away the sins of the world" only a few Jewish people recognized Him as such. Later He submitted to the shameful death of the Cross being indeed "led as a lamb to the slaughter". He thereby fulfilled at His first coming the prophecies which refer to the Messiah-Priest. But he arose from the dead also, just as was predicted and He was afterwards seen by many witnesses many of whom suffered martyrdom because they gave evidence that they had seen the risen Messiah. Sir Robert Anderson, the famous English expert on Evidence, states that "we have more evidence for the resurrection of Jesus Christ from the dead than we have for the existence of Moses". People do not question that Moses lived, far less reason have they to question that Christ arose from the dead. After His resurrection He ascended to God's right hand in Heaven, thereby fulfilling David's prophecy:—

> "The Lord said unto my Lord, sit Thou at my right hand until I make thine enemies thy footstool". (Psalm **110**:**1**).

Having died, risen again and ascended to Heaven, the Messiah must come to earth a second time, not again to suffer but to reign in never-ending glory. At that time He will deliver His people Israel, regather them from the lands of their dispersion and establish His universal Kingdom which the prophets foretold. For this the world is waiting. With the present rapid development in world events, many Bible scholars declare that day is fast approaching. The Messiah at His first coming fulfilled the role of the Priest and made the last great atonement for sin. At His second coming He will fulfill the role of the King. But note that it is the one Messiah who fulfills both offices.



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

OUR MEETINGS

Every Friday — — — — — — — — 8 P. M.
Every Monday — — — — — — — 8 P. M.

You are cordially invited to any of these meetings. Come, bring your friends, we have a message to give you that is of the greatest importance to your soul's salvation.

### Pardon For All.

Since the Messiah, the Lord Jesus Christ, by His death on the Cross made full atonement to God for the sins of the whole world, God is now free to extend the gracious offer of a full pardon to all who will believe whether Jew or Gentile. Hence the Apostle Paul addressing the Jews in the Synagogue at Antioch in Pisidia declared:—

> "Be it known unto you therefore, men and brethren, that through this man is preached unto you the forgiveness of sins: and by Him all that believe are justified from all things, from which ye could not be justified by the law of Moses". (Acts **13**:**38-39**).

Many Jews and Gentiles have trusted in the Lord Jesus Christ and have thereby found the peace which comes from the knowledge of sins forgiven. You too dear reader, may have this blessing by putting your trust in Him.

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English.**

**Address:**
**THE SHEPHERD OF ISRAEL**
**27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn. N.Y.**

## A RABBINICAL STUDENT ACCEPTS CHRIST.

By Charles Feinberg.



I was born and reared in a most orthodox Jewish home in the city of Pittsburgh, Pa. All the ceremonial commandments and injunctions that the Rabbis had ordained for centuries were strictly observed. At the age of six I was sent to the Hebrew school at the same time that I began my grade school work. At the age of thirteen I was confirmed as a full fledged member of the commonwealth of Israel. Before that time my father had been responsible for my sins; now I was responsible to God for my sins. It was at this time that I was graduated from the Hebrew grade school and the English grade school. In high school, seeing other students who did not observe the ceremonial laws, I also followed their example with no deep feeling of guilt or sin. I thought I could afford to be somewhat more liberal than my parents had been, at least.

At the early age of seventeen I was graduated from the Hebrew and English high schools and then went to the University of Pittsburgh. I finished my work there in three years while I still attended the Teacher's Training School for Hebrew Teachers and also taught Hebrew. In the University I imbibed more than a little of the vain philosophies of men and science falsely so-called, with the result that as far as my faith was concerned I was totally adrift, doubting even at times the very existence of such a Being as God. And yet I was supposed to be preparing to enter the rabbinical seminary after my university course. In fact, the atmosphere of my home was such that my three brothers also wanted to become rabbis. The untenable position that I held then and the hypocrisy it would lead me into if I went on as I was, gave me no little amount of mental anguish.

How to settle my doubts I did not know. Then I remembered a friend who had lived for many years near my home and who was a Christian. In our discussions of the Bible the view she held I felt I could not accept. But whereas I cared little for her profession I envied her and admired her beautiful Christian life. She not only confessed and professed Christianity, but she lived it. When I went to her with my problems and perplexities, I found her advice comforting and substantial. However, she told me to go to a Hebrew Christian Missionary in our city, a Rev. Solomon by name who was under the American Board of Missions to the Jews, and he would explain things more fully.

I went to see him and he opened the Word of God to me showing me that I was a sinner with no way to get to God but through the sacrificial way; that without the shedding of blood there is no remission of sins. After I had spoken to him for a few hours, I went home more miserable than ever before because I had become convicted of my sins, which I was told could be cleansed and had been, if I would only believe, by the blood of Jesus Christ Who had come as the Messiah of Israel and the Saviour of the world. I did not want to accept Christ at the price I knew it would mean to me in the separation from my people, and also because I wanted to be more convinced that He was really what the Missionary said He was. After much mental anguish and agonizing I told God that if Christ were really the Saviour to so show Him to me. The Lord did so gloriously and I accepted Him definitely as my Saviour as well as the call to be a missionary to my Jewish brethren. I have never known such joy and peace as I have had from that hour. I have no doubts now; I am saved now and for eternity. I am convinced that "God hath given to us eternal life, and this life is in His Son. He that hath the Son hath life; and He that hath not the Son hath not life."

May the God of all grace and comfort so work by His Spirit in you that have not believed, that you will turn in simple faith to the Lamb of God slain from the foundation of the world and receive freely and without price this precious gift of eternal life in the Lord Jesus Christ.

---

### OUR TRACTS:

1. The Voice Crieth.
2. What is His Name?
3. Cain and Abel.
4. Behold a Virgin.
5. To both Houses of Israel.
6. The Argument.
7. The Trinity.
8. The Logic of the Changed Calendar.

Write us for any of these tracts, telling fully about the Messiah, the Lord Jesus Christ. **Address: Shepherd of Israel, 27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.**

### אונזערע מיסיאנען:

איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:

**ברוקלין, נ. י.**
רעוו. לעאפאלד קאהן
**בית שר שלום**
**27 טרופ עוועניו**

**פילאדעלפיא, פא.**
מר' הארי בוירגען
**בית שר שלום**
**535 ספרוס סטריט**

**פיטסבורג, פא.**
רעוו. דזשאן סאלאמאן
**בית שר שלום**
**1861 ראוז סטריט**

שיקאגא, אילינאיז
מר. ב. קאלטאן
153 אינסטיטוט פלעים

---

### OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
REV. LEOPOLD COHN
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
MR. HARRY BURGEN
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**PITTSBURGH, PA.**
REV. JOHN SOLOMON
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

**CHICAGO, ILLINOIS**
MR. BEN KOLTON
153 INSTITUTE PLACE

געהאנגען ווערען. און אזוי איז עס אויך געשעהן. דארט אויפ'ן בארג גלגולת ארוים פון ירושלים איז דער ארור מיט די קללה אויפגעהאנגען געווארען צוזאם מיט ישוע המשיח וואס האט אויף זיך גענומען אונזער שטראף אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: "והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומינו עליו ובחברתו נרפא לנו". ד"ה. ער, דער משיח, איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד... די שטראף פאר אונזער שלום איז געוועזן אויף איהם און דורך זיינע ביילען זענען מיר געהיילט געווארען. אזוי באלד דער ארור איז פון משיח אוועק גענומען געווארען פון אונז, באקומען מיר באלד אויך זיינע ברכות, אזוי באלד מיר גלויבען אז ער, איז אונזער משיח און אונזער גואל. איא מיר ברויכען די נייע תורה, דאס ברית חדשה, אז עס זאל אונז געבען דאס באוואוסטזיניגקייט וועגען דעם משיח? .

ווי קומט עס אבער — פרעגען מיר — אז א איד געהט גאר מיט אזא וויכטיגע פראגע דארט־הין וואו מ'איז פונקט אזוי איגנאראנט אין אזאלכע זאכען ווי דער איד, דער מקשן אליין איז, עס איז דאך עפעס אזוי ווי ישוע המשיח זאגט אין לוקס: "איין בלינדער פיהרט דעם אנדערן בלינדען און פאלען ביידע אין גרוב אריין." יענער מקשן איז נעביך נישט געגאנגען אויפ'ן ריכטיגען ארט מיט זיין פראגע. אבער ווער האט יענעם שרייבער געגעבען די אויטאריטעט צו פסק'ענען וואס איז יא מן השמים און וואס נישט? ווען א איד וויל באמת וויסען וואס צו טהון אין דער זאך זאל ער געהן פרעגען ביים "דבר ד' " און דארט אין תנ"ך וועט ער אויסגעפונען דעם אמת פון גאנצען עניין. אזוי ווי ישוע המשיח האט אליין געזאגט "דרשו בכתובים אשר אתם אמרים חיי עולם יש לכם והמה מעידים עלי". (יוחנן ה' 39) ד"ה, זוכט אין דער הייליגער שריפט, ... זי זאגט עדות פון מיר, זאגט ישוע המשיח.

יא ליעבער לעזער, פון אזאלכע איגנאראנטע פיהרערס קומען דאס די נאכוועהענישען פאר'ן אידישען פאלק—ווי דער עדיטאר באטיטעלט זיין ארטיקעל—, נאכוועהענישען אויף דיעזער וועלט אין יעדען לאנד אויף שריט און טריט, ווייל אזאלכע עדיטאריעלס פיהרען דעם איד אוועק פון אמת אין שאול תחתיה אריין. און אסאך אסאך גרעסערע נאכוועהענישען דארט אויפ'ן עולם האמת, ווייל מ'שטיינס געזאגט וואס קאן מען זיך דען גאר אהין מיטנעמען ווען נישט דעם משיח פון וועם די נייע תורה ערצעהלט אונז אז ער איז דער "מליץ יושר מול מגיד פשע".

צום שלום ווילען מיר באמערקען אז יענער עדיטאר איז נישט דער איינציגער און נישט דער ערשטער צו מאכען אזאלכע פאלשע בלבולים אויף דער נייער תורה אז מיסיאנערען האבען זי אריינגעשמוגעלט, אין מפעלות השליחים קאפיטעל ה' לעזען מיר אז די דאמאלסדיגע סנהדרין זענען אויך געוועזן מיט אזא פאראירטע און פארדרעהטע מיינונג און האבען געוואלט עוקר מן השורש זיין אלעס וואס האט געטראגען דעם חותם פון ישוע המשיח. איז אבער אויפגעשטאנען ר' גמליאל איינער פון די סנהדרין און האט זיי געווארענט זאגענדיג: ווען די לעהרע וואס די תלמידים לעהרען איז פון מענשען אויסגעטראכט וועט עס במילא צושטערט ווערען, איז עס אבער פון גאט דאן הערט־אויף זיך געגען צו שטעלען ווייל איהר וועט מלחמה האלטען מיט גאט".

אידען זאלען דיזע מעטהאדע אויף היינט אנווענדען און זעהן אויב דיעזע נייע תורה, דאס ברית חדשה, איז אריינגעשמוגעלט פון מענשען אדער איז עס פון גאט. א בעוויז — אז עס איז שוין איבער 1900 יאהר וואס שונאים ווילען דאס פארניכטען, יענע אלע שונאים זענען שוין לאנג בעזייטיגט געווארען און דאס ברית חדשה איז דא צו פערבלייבען און ברענגען א ברכה צו דער מענשהייט.

אידען הערט־אויף צו זיין "על ד' ועל משיחו". גלויבט אין ישוע המשיח וועט איהר קיין נאכוועהעניש נישט האבען, ער וועט פון אייך דעם ארור אוועק נעמען און וועט ברענגען ברכות על כל ישראל.

## גרויסע אידען



מיר שטעלען דא דאס בילד און די ביאגראפיע פון גרויסען איד רעוו. דר. אהרן גאלד־לעווין פון האמבורג, דייטשלאנד.

מר. גאלד־לעווין איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין מאריאמפאל, וועסט רוסלאנד, ער איז באלד אין זיין פריהער יוגענד א יתום געבליבען און זיין פרומער זיידע האט איהם גענומען אויפצוציהען. ער האט איהם געגעבען די בעסטע מלמדים וואס געלד האט נור געקאנט באקומען און שפעטער זעהען מיר איהם אין די ישיבות. אין דער קאוונער ישיבה איז ער גאר געוועזן פאררעכענט פאר אן עלוי פאר זיין שארפקייט און פאר זיין קלארקייט אין גאנץ ש"ס.

אלע בחורים האבען איהם שטארק מקנה געוועזן דערפאר, אבער דער רב האט איהם זעהר ליעב געהאט אי פאר זיין גרויסען לומדות און אי פאר זיין פרומקייט. ער פלעגט תמיד דאווענען מיט גרוים התלהבות, בפרט ווען ער האט געהאלטען ביי דער שמונה עשרה, זאגענדיג די תפלות "ולירושלים" "את צמח", און אנדערע תפלות וואס האבען א שייכות צו דער גאולה; דאס האט איהם אויך געמאכט פאר א הייסען ציוניסט און שפעטער האט ער אויך גערייזט נאך ציון צו זעהן מיט די אייגענע אויגען דאס וואס דאס הארץ האט אזוי שטארק געליעבט און דערנאך געבענקט.

זייענדיג אין ארץ ישראל האט ער אויך באזוכט "בית לחם" וואו דער הייליגער גואל צדק איז געבוירען געווארען און טאקע דארט האט ער באקומען די ידועה אז דער משיח איז שוין איינמאל דא געוועזן און אז ישוע איז דער משיח. אזוי ווי מיר לייענען אין מיכה קאפיטעל ה': "ואתה בית לחם אפרתה צעיר להיות באלפי יהודה ממך לי יצא להיות מושל בישראל". ד"ה, אז דער מושל בישראל, דער מלך המשיח, האט באדארפט ארוים קומען פון בית לחם יהודה, פון וואו ישוע המשיח איז טאקע באמת געקומען. ווי געפרייהט האט עס איהם צו וויסען אז די גאולה שלמה איז שוין געקומען און צוואר ד ו ר ד ישראל, ווייל דער משיח איז דאך געווען א בן ישראל, אליבא דכל הדעות. אונזער גרויסער איד האט נישט פיעל צייט פארלוירען ער האט באלד אנגענומען ישוע המשיח אלס זיין גואל צדק און איז אויך שפעטער געגאנגען דאס דרש'ענען צו ישראל היושבים בצרה ובשביה. וואס ברויכען אזוי נויטיג געהאלפען צו ווערען.

בעפאר ער האט אנגעהויבען די קאלאסאלע ארבייט איז ער צוערשט געגאנגען אין "הארלעי קאלעדזש" וואו ער האט גראדואירט מיט עהרען טיטלען און באלד דרויף האט מען איהם פארבעטען נאך ליווערפול אלס מיסיאנאר צו קומען וואו ער האט אלס עבד נאמן גע'דרש'ענט אי צו אידען און אי צו גוים. וועגען דער גאולה און ישוע המשיח, און אסאך זענען דורך זיינע דרשות ארוים געקומען און אסאך זענען דורך זיינע דרשות ארוים געקומען "מעבדות לחרות, מיגון לשמחה, מאפלה לאור גדול בישוע המשיח" און האבען איהם דערפאר געדאנקט און גאט ב"ה האט איהם דערפאר געבענשט.

אונזער גרויסער איד האט אויך זעהר פיעל געליטען פון איגנאראנצע און פאנאטישע אידען און האבען איהם פיעל נגישות אויסגעטיילט, ער איז אבער געבליבען טריי צו איהם וואס האט פיעל מעהר געליטען דארט אויפ'ן בארג גלגולת פאר אונז אלע. הלואי וואלטען אידען דאס נור געוואלט באהערציגען.

שפעטער איז ער אויך געווארען דער וויים־פרעזידענט פון דער אינטערנאציאנאלע היברו קריסטשען אליענס. אלע האבען איהם געליעבט צוליעב זיין אויפריכטיגקייט, זיין ענוות און זיין איבערגעבענהייט, און אלע האבען מיט גרוים יראת הכבוד די קעפ געבויגען ווען זיי האבען געהערט אז דער גרויסער איד דר. גאלד־לעווין איז אוועק פון אונז אין א בעסערער וועלט, דארט, צו זיין הארר און משיח, צו באקומען דעם גרויסען שכר אין דעם מלכות השמים. יהא זכרונו ברוך.


## בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג אבענד, 8 אוהר. פאר מענער און פרויען
מאנטאג אבענד, 8 אוהר........טעסטימאניע'

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XV, No. 6 | רעוו. לעאפאלד קאהן, עדיטאר | MARCH 1933

## די נאכוועהענישען

פאר אייניגע וואכען צוריק האט אונז א איד אויפמערקזאם געמאכט אויף איין עדיטאריעל פון א ניו יארקער אידישע צייטונג וואו דער שרייבער פון יענעם ארטיקעל נעמט זיך פיעל מיה צו בארוהיגען דאס געוויסען פון א געוויסען איד וואס פרעגט איהם כלומרשט וועגען א זאך וואס ער האט געפונען אין זיין אלטען סידור וואס לעזט זיך ווי פאלגט: "אייער גאט וועט אייך שיקען זיין משיח... א נייע תורה וועט ער אייך געבען, אז"ו...".

מיר האבען יענעם עדיטאריעל גוט דורכגעלעזען. מיר פארשטעהען גענוי יענעם איד'ס פראגע, און מיר סימפאטיזירען מיט זיין באאונרוהיגטען געוויסען וועגען דעם ענין און מיר זענען זיכער אז פיעלע אנדערע אויפריכטיגע אידען וואלטען אויך גערן וויסען און פארשטעהן דעם ריינעם אמת דערפון.

יענער עדיטאר וויל מיט זיין ענטפער יענעם איד איינרעדען, בכן, מיסיאנערן האבען יענעם זאץ אריינגעשמוגעלט אין סידור'ל ווי אויך אלע אנדערע עהנליכע שטעלען.

אונזער א געוועזענער פרעזידענט האט אמאל געזאגט: דו קענסט נארען א י י ן מענש אלע מאל, דו קאנסט נארען א ל ל ע מענשען איין מאל, דו קאנסט אבער נישט נארען אלע מענשען אלע מאל. מיט חוצפה, מיט בלבולים און איגנאראנץ קאן מען נור פארדרעהען א י י ן איד דעם קאפ אבער נישט אלע וואס ווילען וויסען. בלבולים, בפרט נאך פאלשע, וועלען נישט העלפען פראגען צו ענטפערן און יענעמס געוויסען צו בארוהיגען. בלבולים מצד שונאים האמיר שוין געהאט גענוג און אלע זענען פארשוואונדען ווי א זייפען־בלאז. מיר ווילען דערפאר דא אין דיעזע קאלומס קלאר מאכען ווער דיעזע נייע תורה איז ווי אויך די נויטיגקייט דערפון. טא הערט:

אין ירמיה ל"א לייענען מיר אז גאט זאגט דורכ'ן נביא: "הנה ימים באים נאום ד' וכרתי את בית ישראל ואת בית יהודה ברית חדשה לא כברית..." ד"ה, עס קומט א צייט זאגט גאט. (איהר הערט, אזוי זאגט גאט, נישט א מיסיאנאר) און איך וועל מאכען מיט'ן פאלק ישראל א נייעם ברית. נישט אזוי ווי יענער ברית וואס איך האב געמאכט מיט זייערע עלטערן ווען איך האב זיי ארויסגענומען פון מצרים וועלכען זיי האבען צובראכען און איך האב געצארענט אויף זיי, נייערט דיעזער ברית וואס איך וועל מאכען מיט זיי שפעטער. איך וועל מיין תורה אויף זייער הערץ אויפשרייבען און איך וועל זיין זייער גאט און זיי — מיין פאלק".

ירמיהו הנביא האט דיעזע נבואה געזאגט צו אידען 600 יאהר איידער דער משיח און אט דיעזע נייע תורה, דער ברית חדשה, איז געגעבען געווארען. און צוואר נישט אויף שטיינערנע טאוולען אז מ'זאל זיי קאנען צוברעכען, נייערט, די נייע תורה וועט אויפגעשריבען און איינגעקריצט ווערען אין מענשענס הארץ אזוי אז ווען שונאים וועלען דאס וועלען פארניכטען, וועלען זיי דאס נישט קאנען. סיידען זיי וועלען דאס צוזאם מיט'ן הערץ ארויסרייסען. יא מר' רעדאקטאר פון יענעם עדיטאריעל, די נייע תורה, דאס ברית חדשה, איז א תורה פון ליעבע און עס איז א הארץ־זאך, ארייגעפלאנצט טיעף אין הערצען, און מיט חוצפה'דיגע בלבולים קאן מען דאס אודאי ניט באזייטיגען.

אויף דיעזער נייער תורה זאג דאס דער מדרש: "יושב הקב"ה ודרש תורה חדשה שעתיד ליתן על ידי המשיח". ד"ה, גאט זיצט און מאכט א נייע תורה וואס ער וועט געבען דורך'ן משיח. און 600 יאהר שפעטער נאך די נבואה פון ירמיה הנביא איז טאקע דער הייליגער משיח געקומען און האט אונז געגעבען די נייע תורה פון ליעבע, צו ליעבען אפילו שונאים (מתתיהו ה' 44) דאס איז ניי, ווייל דאס איז קיינמאל צופאר דורך קיין נביא אונז געגעבען געווארען ווי אויך אנדערע זאכען וואס די נייע תורה שרייבט פאר.

דאס מיינט אבער נישט, דאס אלטע טעסטאמענט, די אלטע תורה, צו בעזייטיגען, חלילה. ווייל "אלו ואלו דברי אלהים חיים",ביידע זענען פון גאט ב"ה, אין איינע זענען די הבטחות פון גאט צו ישראל און אין אנדערן זענען די ערפילונגען אין ישוע המשיח. איינס איז דער פונדאמענט און דאס צווייטע איז די געביידע. איינס איז דער גוף און דאס צווייטע איז די נשמה, אבער אלע ביידע זענען געגעבען פון גאט ב"ה.

און איצט די אורזאך, צו־וואס מיר ברויכען די נייע תורה, דאס ברית חדשה. יענער רעדאקטאר גיבט זיך אזוי א זאג און א דרעה מיט'ן גראבען פינגער: "מיר האבען די אלטע תורה, זי איז גוט גענוג פאר אונז, מיר ברויכען קיין נייע". געווים וואלט זי געווען גוט גענוג, ווייל זי איז תמיד געווען און איז אן "עץ חיים", אבער נור "למחזיקים בה", צו דעם וואס האלט זי און איז מקיים אלע מצוות וואס זי שרייבט פאר: די פראגע איז אבער, ווער, וועלכער מענש האלט אלע מצוות? און דארט אין דער תורה הייסט עס: "ארור אשר לא יקום את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן". ד"ה, פארשאלטען זאל זיין דער וואס וועט נישט האלטען אלע מצוות וואס די תורה שרייבט פאר און דאס גאנצע פאלק האט געזאגט אמן דרויף. און ווער קאן דען לייקענען אז אידען האבען תמיד געליטען און ליידען נאך עד היום אין אלע גלות לענדער פון יענעם ארור! פיהלט איהר דאס נישט מר' רעדאקטאר פון יענעם ארטיקעל? הערט איהר דאס נישט פון אידען וואס זענען אין רוסלאנד, פוילן, אונגארן, רומעניען און איבעראל ווי זיי יאכצען אונטער דעם ארור?

עס איז נישט דערפאר ווייל אידען זענען נישט אזוי שעהן, אזוי קלוג, אזוי פיין און עדעל ווי אנדערע, טא פארוואס שלאגט מען, פארוואס טרייבט מען דוקא אונז אידען? יא, יענער "ארור" ליגט שווער אויף אונזער נאציאן ווייל מיר האבען נישט געהאלטען און האלטען עד היום נישט גאטס תורה, אויף וואס אידען האבען דאמאלס זיך אליין אונטערגעשריבען מיט'ן ווארט "אמן".

דערפאר ליעבער לעזער, האט אונז דער ליעבער גאט געגעבען א וועג אז מיר זאלען פון דעם "ארור" פטור ווערען און נישט תמיד ליידען דערפון. גאט ב"ה האט אונז געגעבען א נייע תורה, דאס ברית חדשה, וואס ערצעהלט אונז פון הייליגען משיח וועלכער איז געקומען אויף זיך צונעמען דעם ארור און די קללה וואס ליגט אויף אידען. אזוי ווי עס הייסט "די קללת אלהים תלוי". (דברים כ"א, 23) ד"ה, די קללה אדער דער ארור וואס גאט האט דאמאלס אויסגעשפראכען וועט אויפ־

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn. N.Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1,